וואס הערט זיך אין שטאדט.

סיים-דעפוטאט הרב שפירא און רעד. א. ז. פרידמאן אין שעדלעץ.

[X] נעכטען דאנערשטאג, איז ערהאלטען געווארען א טעלעגראפישע ידיעה פון דער אגודה-צענטראלע אין ווארשא, אז דעם קומענדען זונטאג פ׳ בשלח וועלען בעזוכען שעדלעץ דער פיעל-געעערטער סיים דעפוטאט הרב שפירא און רעדאקטאר פון חדש-זשורנאל „דגלנו" ה׳ א. ז. פרידמאן.

די דאזיגע ערפרעהענדע ידיעה האט ארויסגערופען א אונגעהויערע צופרידענהייט צווישען דער גאנצער היגער ארטאדאקסישער בעפעלקערונג.

ווי בעוואוסט ווערען די רעפעראטען פון סיים דעפוטאט הרב שפירא וועלכער געהער צו די גלענצענדסטע, בעגאבסטע און טאלאנטפולסטע רעדנער אויף דער יודישער גאס, אויפגענומען איבעראל מיט דעם גרעסטען בייפאל און מאכען תמיד דעם שטארקסטען רושם אויף אלע צוהערער. בעת איינעם פון זיינע לעצטע רעפעראטען אין שטראסבורג אויף דער אריגינעלער טעמע: „דער בונד צווישען פוילען און פריינקרייך — און די וועלט-ישיבה אין לובלין" זענען אנוועזענד געווען די גרעסטע פערזענליכקייטען פון דער פאליטישער וועלט, דערונטער אויך די פראנצויזישע און פוילישע קאנסולען, וועלכע האבען נאכהער דעם פיעל - געשעצטען רעפערענט הארציג געדריקט די האנד פאר זיין העכסט-געלונגענעם רעפעראט. דערביי איז אינטערעסאנט צו צוגעבען אז דער פוילישער קאנסול האט דעם אינהאלט פון דער רעדע טעלעגראפיש איבערגעשיקט צו דער פוילישער רעגירונג אין ווארשא. אויך א גלענצענדען רעדנער-טאלאנט בעזיצט אויך, ווי בעקאנט, דער 2-טער זעהר חשוב׳ער גאסט רעד. ה׳ א. ז. פרידמאן וועמענס רעפעראטען ס׳ווערען איבעראל ווי אמשטארקסטען בעזוכט.

פון דער גמינע.

[X] פאריגע וואך האט דער גמינע-סעקרעטאר ה׳ טענענבוים בעזיכט דעם וואיעוואדע אין לובלין אין צוזאמענהאנג מיט׳ן צונויפשטעלען דעם גמינע-בודזשעט אויפ׳ן יאהר 1925. דער הויפט-רעפערענט פון וואיעוואדע האט איהם אבער ערקלערט אז צוליעב דעם וואס דאס צונויפשטעלען דעם בודזשעט געהער, לויט די פארשריפטען, צו דער קאמפעטענץ פון ראט, קען ממילא קיין רייד נישט זיין וועגען דער צונויפשטעלונג פון בודזשעט כל זמן דער פארזיץ-פראגע אין היגען קהלה-ראט איז נאך ענדגילטיג נישט געלעזט געווארען, דורכ׳ן וואיעוואדע.

אין צוזאמענהאנג דערמיט האט די גמינע-פערוואלטונג בעשלאסען צו שיקען, די צווייטע וואך א ספעציעלע דעלעגאציע צום וואיעוואדע קיין לובלין בכדי גענויער זיך צו אינפארמירען וועגען דעם ענין.

דער היגער רב שליט״א — לטובת דער „קופת רבי מאיר בעל הנס"

[X] ווי אלע יאהר האט זיך אויך היינטיגען זונטאג ער״ח שבט פערזאמעלט א זעהר גרויסער עולם מתפללים, מיטגליעדער פון דער חברה קדישא און נושאי המטה, אין גרויסען בית-המדרש, וואו ס׳איז אויך ווי תמיד, געמאכט געווארען א „א—ל מלא רחמים" נאך א רייה פערשטארבענע מיטגליעדער פון די דערמאנטע חברות ווי אויך נאך דעם פריערדיגען שעדלעצער רב הרה״צ ר׳ שמעון דוב זצלה״ה.

ביי דער געלעגענהייט האט דער היגער רב שליט״א געהאלטען א העכסט-געלונגענע דרשה וועגען דער גרויסער זאמעל אקציע וואס דער ווארשאווער כולל אין א״י האט לעצטענס אונטערגענומען כמעט אין גאנץ פוילען, לטובת דער „קופת רבי מאיר בעל הנס. דער רב שליט״א שילדערט אויספיהרליך דעם שרעקליךדערדריקענדען מצב אין וועלכען ס׳געפינען זיך די הונדערטער תלמידי-חכמים וואס לערנען אינ׳ם דאזיגען כולל, אנווייזענדיג דערביי אויף דער קאטאסטראפאלער סכנה וואס שטעהט נאך יעצט פאר דעם כולל אין פאל ווען מיר, בני הגולה, וועלען בעצייטענס זיך נישט אברופען אויף דעם גרויסען רוף פון אונזערע גדולי התורה.

צום סוף ווענדעט זיך דער רב שליט״א מיט א הייסען אפעל צו אלע די, אין וועמענס הארץ ס׳טליעט נאך דער העכסט - יודישער פונק, ענטקעגענצוקומען דער דאזיגער צדקה-זאמלונג און ווי ווייט מעגליך בייהילפיג צו זיין די משולחים און זאמלער אין זייער גרויסער, הייליגער ארבייט.

שטארקע אויפרעגונג אין שטאדט געגען דעם בעשלוס פון דער גמינע-פערוואלטונג נישט צו סובסידירען די בית-יעקב-שולע.

(X) דאס אבווארפען דורך דער גמינע-פערוואלטונג די ביטע פון א גרופע ארטאדאקסישע עלטערן צו אסיגנירען 2000 זלאטעס איף צו עפענען א רעליגיעזע טעכטער-שול ע. א. נ. בית-יעקב — האט ארויסגערופען א שטארקע אויפרעגונג צווישען דער גאנצער היגער ארטאדאקסישער בעפעלקערונג. אין פיעל היגע שטיבלעך זענען היינטיגען, פרייטאג צונאכט׳ס אנגענומען געווארען פראטעסטען געגען דער אונבערעכטיגטע האנדלונג פון דער גמינע-פערוואלטונג אין וועלכע די ארטאדאקסישע פארשטעהער אין דער גמינע ווערען קאטעגאריש אויפגעפאדערט צו רעוועדירען דעם דאזיגען גמינע-בעשלוס און נאכצוקומען די ביטע פון דער דערמאנטער גרופע ארטאדאקסישע עלטערן, וועלכע פערטרעטען אין דעם פרט, דעם ווילענס-אויסדריק פון דער גאנצער היגער רעליגיעזער בעפעלקערונג.

צוליעב אונבאראויסגעזעהענע סבות איז די רבנים צוזאמענפאהר אבגעלעגט געווארן.

די אלגעמיינע פערזאמלונג אין קליינהענדלער פעראיין.

[X] זונטאג דעם 25-טען ה. מ, איז אונטער׳ן פארזיץ פון ה׳ מ. רידעל פארגעקומען די יעהרליכע „אלגעמיינע" פערזאמלונג פון היגען קליינהענדלער פעראיין. נאכדעם ווי דער סעקרעטאר פון פעראיין ה׳ זאנשיין גיט אב א קורצען בעריכט וועגען דער טעטיגקייט פון דער פערוואלטונג במשך פון פערגאנגענעם יאהר בעהמט דאס ווארט ה׳ רובינשטיין וועלכער ווארפט פאר די פערוואלטונג, אז זי איז נישט געשטאנען אויף דער געהעריגער הויך פון איהר אויפגאבע. אזוי למשל האט זי לחלוטין גאר נישט געטאן, אז דאס אויסטוישען די האנדעלס-פאטענטען פון 3-טער אויף 4-טער קאטעגאריע זאל אין היגען פינאנץ-אמט בעדייטענד פערלייכטערט ווערען. א. אז. וו. אינ׳ם זעלבען זין זאגט זיך אויך ארויס ה׳ בראגשטיין.

דער פארזיצענדער ה׳ רידעל פערענטפערט די פערוואלטונג און ווארפט קאטעגאריש אב אלע בעשולדיגונגען אויף איהר אדרעס, ער ערקלערט אז די פערוואלטונג האט ביי יעדער געלעגענהייט געדיענט ווי געהעריג די אינטערעסען פון די היגע קליינהענדלער און יעדע קריטיק געגען איהר טעטיגקייט האט דערום קיין שום יסוד נישט. דערביי לעגט ער אויך פאר אויסצודריקען צוטרוי דער פריהערדיגער פערוואלטונג. דער פארשלאג ווערט אנגענומען.

ס׳ווערט אויך איינשטימיג בעשלאסען צו גרינדען א גמילות-חסד-קאסע ביים פעראיין וואו יעדער מיטגליעד זאל קענען פון צייט צו צייט בעקומען א געוויסע הלואה אהן פראצענט.

די פארטזעצונג פון דער פערזאמלונג קומט פאר דעם קומענדען זונטאג 7 אווענד אין לאקאל פון פעראיין. (ווארשאווער 54)

רעגט אייך נישט אויף פאניע —. איך מיין אייער טובה... איהר מוזט פערריכטען דעם בעגאנגענעם פעהלער!

אבער ר׳ יוד, רעדט קלארע דבורים — זאגט וואס איהר פערלאנגט, און ווער האט אייך געשיקט, ווער ס׳האט מיר געשיקט — טאקי זיי, אייערע קאלעגען, די טינטלערס, ווי זיי רופען זיך.

און וואס פערלאנגען זיי, בין איך שוין נייגעריג צו וויסען.

לאזט געמאך! איהר ווייסט עס, בעסער פאר מיר. איהר ווילט זאגען, אדער נישט! ווענדע איך מיר שוין אין אשטרענגען טאן.

דאס האט אביסעל געהאלפען. מיין יוד האט זיך ארויסגערוקט א שטוהל און זיך ברייט אוועקגעזעצט. דאן האט ער בהרחבות׳דיג פערויכערט די פופקע, (שוין איינמאל אפופקע!) און אנגעהויבען:

פאלגט מיר, וועט אייך גוט זיין, די גאנצע וועלט שטעהט אויף שלום.

און ווער וויל דען נישט קיין שלום? פרוב איך איהם איבערפרעגען.

מיין יוד ווערט גאר נישט נהפעל, לאזט זיך גאנץ געלאסען רויק, און גלייך ווי ער העוט גאר נישט מיין שאלה, רעדט ער ווייטער!

וואס אמת איז אמת. כאטש זיי, די „ארטיגע טינטלערס", מיין איך, זענען נישט קיין צדיקים גמורים. אדער דאך, אז זיי האבען פערדינסטען פאר אונזער שטאדט, אין דעם וועט קיינער נישט לייקענען. איך וועל אייך נישט אויסרעכענען אלע זייערע מעשים טובים, כ׳וועל אייך נאר דערמאנען אין היינטיגען ראש-השנה, אין לעם טאג ווען יעדער יוד דארף האבען עפעס א זכות, וואס זשע פאר א זכות האבען מיר, שעדלעצער יודען געהאט? מיט וואס וואלטען מיר געגאנגען צום יום הדין? וואס, די נאווארדיגער ישיבה? די איז דאך „טוב" שלא . וברא מיוברא. די תלמוד תורה? די קליינהענדלער? הע, בע, מע. אט אין דעם מאמענט האבען אונז גערעטעוועט — ווי זיי האבען מיר איבערגעגעבען — טאקי נאר זיי, די חברה טינטלערס פון די „ארטיגע פרעסע"... (וואכענבלאט ערב ראש השנה פ. י.)

וואס, איהר האט נישט קיין זא גוטען זכרון, זאגט איהר? אבער אט האט איהר א פאקט פון די לעצטע צייט. אונזער שטאדט לעבט איבער אזא שרעקליכען קריזיס, ווער זשע האט אונטערגענומען צו דערגעהן די סיבות פון קריזיס און איהם צו בעזייטיגען, אויב נישט די זעלבע חברה טינטלערס, פון די „ארטיגע פרעסע", וועלכע זענען נאך פיעל „אינטערוויוען" ביי פערשיעדענע הויכגעשטעלטע פערזענליכקייטען דערגאנגען אז די איינציגע סבה פון קריזיס איז — וואס מען לייזט נישט פאר קיין סחורה, און אזוי גיך ווי מען וועט צוריק אנהויבען לעזען וועט זיך די סיטואציע ענדערן...

איך וואלט אייך געקענט נאך צוגעבען גאר פון די לעצטע צייט. ווען מ׳האט זיך געהענדעט פון די קליינהענדלער, צו די זעלבע „טינטלער" זיי זאלען געבען א ארט פאר די אלגעמיינע פערזאמלונג פון די קליינהענדלער האבען זיי פארגעלעגט צו געבען דייקא א אנגעזעהן ארט אויף די „סאמע ערשטע זייט", צווישען די אלע גרעסטע פירמעס... און ווען יענע האבען זיך פון דעם כבוד אפגעזאגט, און זיך געוואלט בעגניגענען אויף די „לעצטע זייט" צווישען די קליינע כראנישע ידיעות, האבען זיי די ידיעה אינגאנצען נישט געגעבען, אבי נישט צו פערשאפען קיין אומכבוד אונזער מיטעלשטאנד, די נישט „פערשטענדיגע" קליינהענדלער...

בקיצור, זאגט וואס איהר ווילט — געה איך שוין ארויס פון געדולד, וואס פאר א שייכות האבען אבער די אלע מעשים טובים, צו אזא געפאלען בעשעפעניש ווי א. או קע?

אי, צוליעב דעם [illegible]

איבער די אגודה (וואס שטאמט דען נישט פון דער „אגודה"?) האט שוין געפונען א שטיקעל לייטישען שידוך האט זי, געכאפט אז, אויסגעזיכט עפעס א ארקע פון, ווייס איך וואו? האט מען צווישען „זיי" טאקי נישט געקענט געפונען אזעלכע וואס זאלען טויזענד מאל איבערגעהן אזא ארקען?

וואס? ער איז א עלטערער בחור? אבער אנטקעגען „יענע" הייסט ער דאך א „מפיל קינד". פון „יענע" שיט זיך דאך שוין פריכנע, — ממש פריכנע...! ער טראגט וואסער? אין האס-זשע, זענען „יענע" עוסק, נישט אין שטויסען וואכער? איהר שרייט ס׳איז א רחמנות, א קאליקע, א אומגליקליך בעשעפעניש? אבער הערט־זשע נארט איהר, וועלען דען נישט אלע מעיד זיין אז טאקי אויף דעם געביט וועלען „זיי" בעקומען די פרעמיע, זיי זענען דאך קאליקעס בזה ובבא...!

יודען הכמים, האט איהר דען נישט געוואוסט אז זיי וועלען נישט דורכלאזען אזא זאך בשתיקה!

ר׳יוד, ענטפער איך איהם, שוין א שטיקעל צופרידענער — וואס כ׳בין ענדליך דאך געוואהר געווארען די אמת׳ע סיבה פון די פרישע מהומה — גערעכט, גערעכט, אבער פאר וואס רעדען זיי נישט קיין קלארע דבורים: וואס דרעהן זיי אכפאדיק וועגען אסימילאציע, לעהרער, קנאפ?

מיין יוד, א פערשעהמטער, האט איבערגעדרעהט דעם פעלץ, און זיך אבגעטראגען.

גם זו לטובה! טראכט איך ביי זיך, און כ׳האב גלייך דורכ׳ן ראדיא צוהיסען געטהון ארקען ר׳זאל זיין פארזיכטיג...

ערשט זיך איך און טראכט, א עצה, די פרישע מהומה איינצושטילען...

הוא הדבר אשר דברתי, נישט בפשעהרט צו האבען קיין מבוחה.

א היימישער.

* * *

Redaktor: B. HUBERMAN. — Wydawca Sz. JELEN.

רעדאקטאר: ב. הובערמאן ארויסגעבער ש. יע

Druk. Rozenblat Siedlce Sieńkiewicza 27.

אונזער וועג-שעדליץ 30-01-1925 ה-שבט-תרפה גליון-0034 000006 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

עמוד 12